בס"ד

כי תצא תשפ"ג

גליון 155

# דעם רבינ'ס ליכט



אַיְיעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### דֶער טוֹיעֶר פוּן תְּשׁוּבָה

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אִין חֹדֶשׁ אֱלוּל, יֶעדֶער אִיד זוּכְט פוּן טִיפְן הַארְץ אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ תְּשׁוּבָה טוּן. דֶער רֶבִּי, אִין זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (תּוֹרָה ע"ג חֵלֶק ב') גִיבְּט אוּנְז אַ זִיסֶע, פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצָה פַאר דֶעם. וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן תְּהִלִּים, וַוייל זָאגְן תְּהִלִּים אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף תְּשׁוּבָה.

וֶוען אַ אִיד וִויל תְּשׁוּבָה טוּן אִיז דָא פוּפְצִיג טוֹיעֶרְן פוּן תְּשׁוּבָה. נַיין אוּן פֶערְצִיג טוֹיעֶרְן קֶען יֶעדֶער אִיד מַשִּׂיג זַיין אוּן דֶערְגְרֵייכְן. אָבֶער דֶעם פוּפְצִיגְסְטֶער טוֹיעֶר אִיז דֶער טוֹיעֶר וואוּ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין טוּט תְּשׁוּבָה אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "שׁוּבוּ אֵלַי וְאָשׁוּבָה אֲלֵיכֶם", קֶערְט זִיךְ צוּ מִיר אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ קֶערְן צוּ אַייךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז תְּהִלִּים זָאגְן אִיז גוֹרֵם אַז אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין הִתְעוֹרְרוּת צוּ תְּשׁוּבָה אָדֶער עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אִין וֶועלְכֶע טוֹיעֶר עֶר דַארְף אַרַיינְגֵיין וֶוען עֶר וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, אָדֶער עֶס קֶען גָאר זַיין אַז דֶער טוֹיעֶר וֶועט זַיין פַארְמַאכְט, קֶען עֶר דוּרְךְ תְּהִלִּים וִויסְן וֶועלְכֶע שַׁעַר פוּן תְּשׁוּבָה גֶעהֶערְט צוּ אִים צוּ קֶענֶען עֶפֶענֶען דֶעם טוֹיעֶר. דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק זַיין בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים בִּפְרַט אִין חֹדֶשׁ אֱלוּל אוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה.

ר' נָתָן בְּרֶענְגְט אִין זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת (עָרְלָה ד' אוֹת ט"ז) אַז סֵפֶר תְּהִלִּים אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן מִיט אַזַא רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, אַז ס'אִיז נִישְׁט דָא אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט פוּן דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה בִּיז דֶער נִידְרִיגְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אֲפִילוּ דֶער גְרֶעסְטֶער בַּעַל עֲבֵרָה וָואס קֶען זִיךְ נִישְׁט טְרֶעפְן אִין דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים.

אַזוֹי אוֹיךְ דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים הָאבְּן אַ כֹּחַ אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען שְׁטַארְקֵייט אוּן פֶּעסְטְקֵייט אִין יֶעדְן אִיד פוּן דֶעם גְרֶעסְטְן בִּיז דֶעם קְלֶענְסְטְן אִין יֶעדֶע מֶענְטְשׁ אִין יֶעדְן פְּלַאץ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ זֵייעֶר מַפְלִיג גֶעוֶועֶן צוּ זָאגְן תִּקּוּנֵי זוֹהַר. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "כּוֹכְבֵי אוֹר" בְּשֵׁם ר' נָתָן אַז צוּ זָאגְן דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים דָאס הֵייסְט לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, סֵפֶר הַמִּדּוֹת מִיט שִׂיחוֹת הָרַ"ן, אִיז מְסוּגָל אַזוֹי וִוי זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ. אִין טַאקֶע אִין אַלֶע דוֹרוֹת הָאט מֶען גֶעזֶען אַז קְלֵיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶועֶן בְּקִי אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹיף אוֹיסְוֶוענִיג אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת וְכוּ'.

לָאמִיר זִיךְ בַּאנַייעֶן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט צוּ זָאגְן תְּהִלִּים אוּן אוֹיךְ דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ בִּין דָאךְ אַן אוֹצָר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם פַארְוָואס זוּכְט עֶטְס מִיר נִישְׁט?" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אוּן אָנְנֶעמֶען אוּנְזֶער גֶעבֶּעט, אוּן זָאל אוּנְז פַארְשְׁרַייבְּן בְּסִפְרָן שֶׁל צַדִּיקִים גְּמוּרִים. כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה

# איין אמשה'לע

## גענאַפּט אַ פּישל!

ערב שבת ווען מיין מאמע האט געדאַרפט קויפן פיש און האט געשיקט מיין טאטע זאל גיין קויפן פיש, אָבער עס איז נישט געווען קיין געלט צו קויפן די פיש, האט מיין טאטע האט גענומען די הייליגע עצה פון הייליגן רבי'ן 'תפלה' און האט מתפלל געווען צום באַשעפער עס זאל אים צושיקן פיש לכבוד שבת. אַזוי ווי מיין טאטע גייט אויפן גאס צו קויפן פיש האט אים דער באַשעפער צוגעשיקט בדרך כבוד די סומע געלט וואס איז געווען גענוג צו קענען קויפן פיש לכבוד שבת קודש.

איך דאַנק דעם אויבערשטן פאר די נס. **מענדי**

## תפלת גשם צו די ריכטיגע צייט

אַזוי ווי מיר וואוינען אין מאַנטשעסטער, און ווי באַקאַנט איז אין ענגלאַנד זייער רעגנדיג און פאַרוואולקנט, ספּעציעל אין מאַנטשעסטער. איז געווען איין יאָר, ווען איך בין נאָך געווען אינג, און איך האב מתפלל געווען מיט מיין חבר פון אינמיטן חדש תמוז אז סכות זאל נישט רעגענען כדי מען זאל קענען מאכן אַ 'לישב בסכה' מיט שמחה און פרייד.

למעשה ווען עס איז געקומען דער הייליגער יום טוב סכות, איז געווען אַ גרויס וואונדער אַז יענעם יאָר האט זיך נישט באַוויזן קיין רעגן פון אָנהייב סכות ביז נאָך שמיני עצרת! **ישראל**

# משלים

*המשך פון די לעצטע זייט:*

אויפן די וועגן, מיין וועגעלע שלעפּט זיך ווי אַן אַלטער בער!"

איך וועל דיר פאַרציילן דעם סוד, זאָגט אים ר' אָשר. "די זעסט דאָרט דעם פאַבריק? דאָרט האָב איך אַ נאָנטער חבר ר' נפתלי, ער האט מיר געגעבן אויל צו שמירן אויף מיינע רעדער, דערפאַר פאָר איך אַזוי שנעל און געשווינד, גיי נאָר צו אים ער האט די אויל!"

ער פאָרט טאקע צו צו דעם פאַבריק, ער מיינט נעבעך אַז דער פאַבריקאַנט פאַרקויפט אויל און נעמט פאר מאַשינען און רעדלעך... ער קומט אַריין און רופט זיך אָן: "זאָג נאָר די קענסט מיר פאַרקויפן אַ פלאַש נעמט 'סמאָלע'?"

ר' נפתלי מיט געהויבענע אויגן ברעמען פרעגט פאַרוואונדערט: "וואָסערע סמאָלע וועלכע אויל רעדסטו? וואס ווילסטו? "

"איך וויל די זעלבע אויל וואָס דו האָסט פאַרקויפט פאר מיין חבר דער סוחר פון די לעדער!"

ענטפערט אים דער פאַבריקאַנט: "לאָמיר דיר מסביר זיין, מיין פרנסה איז אַז איך פאַרקויף לעדער, אַלע סאָרטן סחורות, דיין חבר אָשר קויפט ביי מיר איין כסדר גרויסע קוואַנטומס סחורה, איך האָב געזען אַז זיין וואָגן שלעפּט נישט די שווערע סחורה, ער האט איבערגעלאָדנט, אַרויף נאָך סחורה און נאָך, האָב איך אים געשאַפט און געגעבן די אויל, אָבער דו ווילסט איך זאל דיר געבן נאָר סמאָלע? איך בין נישט קיין סוחר פון אויל, נישט פון סמאָלע און איך פאַרקויף נישט קיין אויל! פאַרשטייסט?"

די צדיקים געבן אונז פון אַלעם גוטן פרנסה מיט ישועות, אָבער אונזער כוונה ביים קומען צום צדיק איז צו לערנען תורה, יראת שמים, און עבודת השם, דרכים ווי צו שטייגן און דינען דעם אויבערשטן, און דער צדיק גיבט סמאָלע צו שמירן די רעדער...

# מיין ערשטע ראש השנה: אומין שנת תרע״ה



**המשך, ר׳ לוי יצחק בענדער ז״ל טאנצט אריין מיט גרויס נסים אינעם איבערגעפולטן באן קיין לובלין...**

אָנְקוּמֶענְדִיג קַיין לוּבְּלִין הָאט עֶר גֶעוָואנְדְן זַיין טְרִיט צוּם בְּרֶסְלֶבֶע׳ר שְׁטִיבְּל וִוי עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן פִילֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, וֶוען פִילֶע הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז וִוי עֶס קוּקְט אוֹיס וֶועלְן זֵיי וַוארְשֵׁיינְלִיך זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען בַּאטֵיילִיגְן בַּיים הַיי-יֶערִיגְן קִבּוּץ, צוּלִיבּ דֶעם שְׁוֶוערְן מַצָּב אוֹיף דִי וֶועגְן. אוֹיךְ אִינֶעם דָארְטִיגְן בְּרֶסְלֶבְ׳ן שׁוּלְכְ׳ל הָאבְּן אִים דִי מְנִיעוֹת נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעהִיפְּט, וֶוען פִילֶע הָאבְּן אִים פְּרוּבִּירְט אָפְּצוּרֶעדְן פוּן אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַזַא רִיזִיקַאלִישֶׁע נְסִיעָה אִין אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן... אָבֶּער דִי מְנִיעוֹת הָאבְּן בְּלוֹיז גֶעטוּן פַארְשְׁטֶערְקֶערְן זַיין וִוילְן אוּן עַקְשָׁנוּת צוּ דֶערְגְרֵייכְן דֶעם צִיל.

## מען קומט שוין נענטער - אין פולנאה

אִינֶעם בַּאן סְטַאנְצִיֶע אִין לוּבְּלִין הָאט גֶעהֶערְשְׁט דִי זֶעלְבֶּע כַּאאָס וִוי אִין וַוארְשֶׁע.

פִילֶע מִשְׁפָּחוֹת הָאבְּן בַּאלַאגֶערְט דֶעם גַאנְצְן אַרוּם, אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט זֶעק אוּן פֶּעק הָאפְנְדִיג צוּ קֶענֶען דֶערְגְרֵייכְן זֵייעֶרֶע הֵיים-שְׁטֶעט אוּן זִיךְ פַארְאֵיינִיגְן מִיט זֵייעֶרֶע פַאמִילִיעֶס.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ מַמָּשׁ אַיינְקְוַוארְטִירְט אִינֶעם סְטַאנְצִיֶע, אוּן גֶעווּאוֹינְט דָארְט פַאר טֶעג אוּן וָואכְן, פְּרוּבִּירְנְדִיג זִיךְ אַרוֹיפְצוּכַאפְּן אוֹיף אֵיינְס פוּן דִי דוּרְכְפָארְנְדֶע בַּאנֶען, אָבֶּער אַן עֶרְפָאלְג.

רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק וֶועלְכֶע הָאט שׁוֹין גֶעהַאט עֶרְפַארוּנְג פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע רַייזֶעס, הָאט אוֹיךְ דָאסְמָאל אִיבֶּערְגֶעשְׁפִּילְט דֶעם זֶעלְבְּן טַאקְטִיק, אוּן וֶוען אַ בַּאן הָאט דֶערְגְרַייכְט דִי סְטַאנְצִיֶע הָאט עֶר פְלִינְקֶערְהֵייט אַרַיינְגֶעשְׁטוּפְּט זַיין הַאנְט מִיט זַיין טַאשְׁקֶע אִין אֵיינְס פוּן דִי פֶענְסְטֶערְס, אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶערְהֵייט הָאט אִים אַ הַאנְט פוּן אִינֶעוֵוייניג אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִינֶעם וַואגָאן... וַוארְשֵׁיינְלִיך אִיז עֶס נִישְׁט גֶעוֶוען אַ בְּלוֹיזֶער הַאנְט פוּן בְּלוּט אוּן פְלֵייש... עֶס אִיז לִיבֶּערְשְׁט גֶעוֶוען אַ הַאנְט פוּן אוֹיבְן וֶועלְכֶע הָאט זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז דָאס בָּחוּרְ׳ל דֶערְגְרַייכְט זַיין צִיל וָואס וֶועט אִים אִין צוּקוּנְפְט טוֹישְׁן אוֹיף אֵייבִּיג.

פוּן לוּבְּלִין הָאט דִי בַּאן גֶערַייזְט קַיין קָאווע, וִוי עֶר הָאט דֶערְגְרַייכְט

דאַנערשטאָג. אָבער דאָ האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ נייע מסכת פון יסורים און מניעות. דאָס ביסל געלט וואָס רבי לוי יצחק האָט פאַרמאָגט מיט זיך האָט זיך גאר שנעל אויסגעלאָזט... נישט האָבנדיג קיין געלט מיט וואָס איינצוהאַנדלען קיין רייזע בילעט, איז ער אַרויף אויפן באַן אָן קיין בילעט, ביז דער קאָנדאַקטאָר האָט אים געכאַפט און אַראָפגעוואָרפן פונעם באַן.

ער האָט זיך אָבער תיכף מיישב געווען, און האָט געשווינד געשפּאַנט זיינע טריט צום קומענדיגן וואַגאָן, ווי ער האָט זיך שנעל איינגעקוואַרטירט אין אַ זייטיגן ווינקל, האָפנדיג אַז דער קאָנדאַקטאָר וועט אים נישט באַמערקן, אָבער ערגעץ ווי אינמיטן וועג איז ער געכאַפּט געוואָרן, און ביים קומענדיגן סטאַנציע, אין פּולנאָה, איז ער ווידער אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פונעם באַן, און דאַסמאָל האָט ער זיכער געמאַכט אַז רבי לוי יצחק מאַכט נישט זיין וועג צוריק אַרויף אויפן קומענדיגן וואַגאָן.

ערב ראש חדש אלול האָט רבי לוי יצחק דערגרייכט קיין פּולנאָה, ער האָט געזאָגט דעם ערב יום כפור קטן דאָרט אויפן פּלאַץ, אין די שטאָט ווי עס ליגט באַערדיגט דער גרויסער צדיק הרב הקדוש דער תולדות יעקב יוסף זי"ע, ווי רבי לוי יצחק האָט געוואָלט באַזוכן, אָבער צוליב זיין גרויסער יאָגעניש צו קענען ענדליך אָנקומען קיין אומאַן, האָט ער נישט געקענט פאַרזוימען קיין איבעריגע מינוט, און גלייך זיך געוואַנדן צום באַן סטאַנציע, צו קענען כאַפּן וויטערדיגע באַנען ביזן אָנקומען צום ציל – און אַלעס אָן קיין פּיאַסטער אין טאַש...

## צווישן די טויטע חסידים

פרייטאָג צופרי האָט רבי לוי יצחק דערגרייכט די שטאָט באַרדיטשוב, מיטן פּלאַן צו פאַרבלייבן דאָרט איבער שבת. נישט וואוסנדיג וואו צו ווענדן זיינע קומענדיגע טריט, האָט ער אָפּגעשטעלט אַ דורכגייער אויפן גאַס, פרעגנדיג ווי ער קען טרעפן די ברסלבער חסידים.

"ברסלב'ע חסידים?", קוקט אים יענער אָן מיט פאַרגלייזטע אויגן, "אַה, איר מיינט זיכער די טויטע חסידים... זייער שטיבל איז ביים אַלטן בית החיים", האָט ער אויסגעפירט אים צואַווייזנדיג די גענויע וועג ביזן בית החיים.

אַריינשטעלנדיג זיינע ערשטע טריט אינעם שטיבל האָט אים אַרומגענומען אַ שוידער. דאָס פּלאַץ האָט ענדערש אויסגעזען ווי אַ פאַרוואָרלאָזטע כאַטקע, ווי איידער סיי וואָס האָט שייכות צו אַ בית המדרש. איין קליינע פענסטער'ל האָט געהאַט אַ גראַדע אויסקוק צום קבר פון רבי ליבער הגדול, וועלכער האָט לויט געוויסע לעגענדעס ערמעגליכט דעם שטאָט באַרדיטשוב אַלס אַן עיר ואם בישראל.

זעענדיג דעם מצב אין שטיבל, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען פון איבער וועלכע חסידים די רעדע איז, דאָס אָרימקייט אינעם פּלאַץ איז בלויז געווען אַ אָנדייטונג איבער די אָרימעלאַייט וועלכע זענען די פאַרוואַלטערס אויפן פּלאַץ.

המשך בעז"ה

# אַ חֵלֶק פוּן דִי סְפָרִים וָואס דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ דוּרְכְגֵיין בְּעֶזְר הַשֵׁם בִּיז ח"י תִּשְׁרֵי

אוֹיף עֶטְלִיכֶע פוּן זֵיי שְׁטֵייט אַז
אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן אֱלוּל אִיז עֶס אַ מִצְוָה
צוּ זָאגְן... אוּן עֶס הֶעלְפְט זֵייעֶר שְׁטַארְק..

| | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| נ | ס | נ | ה | כ | ס | ט | נ | נ | ה | ד | ס | ס |
| ק | ר | ל | ק | ג | ו | ר | צ | ר | ש | ת | ט | י |
| ל | מ | ה | ר | צ | ה | ה | ח | ה | ת | ו | ש | פ |
| ו | י | מ | י | ת | כ | צ | מ | ו | פ | ל | מ | ו |
| צ | פ | ק | ו | ח | ו | ל | ד | מ | כ | פ | ו | ר |
| מ | ע | ח | ו | ח | ב | מ | ת | י | ו | ת | ת | י |
| ב | י | ר | מ | ט | ה | ש | צ | י | ת | י | ה | מ |
| ש | ד | י | א | ר | י | פ | י | ח | ה | ט | צ | ע |
| כ | ה | ז | פ | ר | ג | מ | ב | ט | נ | ו | ד | ש |
| ק | כ | ס | ר | ח | ק | פ | ו | ז | פ | ק | י | י |
| ל | ס | פ | ב | ג | פ | ב | ז | ה | ש | י | ק | ו |
| ט | פ | ש | ת | ע | ט | ס | ה | ש | ר | ל | י | ת |
| ל | י | ק | ו | ט | י | ע | צ | ו | ת | נ | מ | ע |

______________ ווערט דארט דערציילט מעשיות וואס דערוועקן דעם מענטש צו תשובה טון

______________ עס ווערט אויך אנגערופן דער ספר אלף בית

______________ אינמיטן דעם ספר שטייט א תורה'לע פון אחד הי' אברהם

______________ שמועסן וואס ר' נתן האט געהערט פון הייליגן רבי'ן

______________ אלע סארטן עצות פון הייליגן רבי'נס ספרים

______________ ר' נתן האט געזאגט אז מיט דעם ספר זענען שוין מענטשן אין אריין אין גן עדן

______________ דער ספר לערנט אויס צו מאכן התבודדות און רעדן צום באשעפער

______________ עס פארציילט פונעם רבי'נס גאנץ יונגע יארן, און זיין נסיעה קיין ארץ ישראל

______________ דעם רבינ'ס לעבן

______________ דער ספר איז מסוגל צו משנה זיין די טבע!

# א שמועס מיט'ן זיידן



## אַ גוּט קעפּל

**זיידע** – בֶּערֶעלֶע, בֶּערֶעלֶע אִיךְ הֶער פוּן דִיר גוּטֶע נַייעס... דַיין טַאטֶע אִיז נֶעכְטְן גֶעוֶוען דָא אוּן עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דִי לֶערְנְסְט זֵייעֶר פְלַייסִיג, הָא אַשְׁרֵינוּ... סְ'אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ נַחַת דָאס צוּ הֶערְן...

**בֶּערֶעלֶע** – יָא, אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ ה'.

**זיידע** – עֶפֶּעס גֶעפֶעלְט מִיר נִישְׁט אַזוֹי דַיין עֶנְטְפֶער... וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי זוֹיעֶר? אִיךְ וָואלְט גֶעוַוארְט צוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוֹיף דַיין פָּנִים נָאכְן הֶערְן אַזֶעלְכֶע גוּטֶע גְרִיסְן?!

**בֶּערֶעלֶע** – עֶם.. אִיךְ בִּין פְרֵיילֶעךְ אַז מַיין טַאטֶע אִיז צוּפְרִידְן, אָבֶער ... אִיךְ אַלֵיין בִּין אִינְגַאנְצְן נִישְׁט צוּפְרִידְן... אִיךְ קְלֶער אַז וֶוען מַיין טַאטֶע וָואלְט גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אִין חֵדֶר אוּן גֶעזֶען וִוי דִי אַנְדֶערֶע אִינְגְלֶעךְ קֶענֶען אוּן שְׁטֵייגְן מִיר אִיבֶּער הוּנְדֶערְט מָאל אִין אַלֶע אִינְזִיכְטְן וָואלְט עֶר אַנְדֶערְשׁ גֶעקוּקְט!

**זיידע** – וָואס? אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, דוּ בִּיסְט נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט דַיין הַצְלָחָה אִין לֶערְנֶען וַוייל סְ'אִיז דָא אִינְגְלֶעךְ בַּיי דִיר אִין חֵדֶר וָואס קֶענֶען בֶּעסֶער וִוי דִיר???

**בֶּערֶעלֶע** – וִוי קֶען אִיךְ זַיין צוּפְרִידְן? מַיין חַבֵר יוֹאֵל קֶען אוּמְצָאלִיגֶע פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוֹיסְנֶעוֵוינִיג אָן קַיין שׁוּם פְּלָאג! עֶר הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זִכָּרוֹן! עֶר לֶערְנְט אִיבֶּער אֵיינְס אָדֶער צְוֵויי מָאל אַ מִשְׁנָה אוּן עֶר קֶען עֶס שׁוֹין אוֹיסְנֶעוֵוינִיג! אוֹיךְ עֶזְרִיאֵל אַ אַנְדֶערֶע חַבֵר הָאט אַזַא שַׁארְפֶע קָאפּ, עֶר פְרֶעגְט אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע שְׁאֵלוֹת פוּן מַיין רֶבִּי בַּיים לֶערְנֶען גְמָרָא, אַז אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי פְּלָאגְט זִיךְ צוּ טְרֶעפְן אַ תִּירוּץ... אַסַאךְ מָאל הָאט עֶר צוּגֶעטְרָאפְן צוּ קֻשְׁיוֹת פוּן גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל...

**זיידע** – אַזוֹי?! זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט.

**בֶּערֶעלֶע** – אוֹיךְ חַיִּים יוֹסֵף אִיז אַ חִידוּשׁ אִין הֲלָכוֹת עֶר הָאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע קָאפּ, עֶר קֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַזוֹי וִוי אִיךְ קֶען בֶּענְטְשְׁן... וֶוער סְ'הָאט אַ שְׁאֵלָה אִין הֲלָכָה וֵוייסְט עֶר גְלַייךְ אוּן עֶר קֶען אַלֶעס... זֶעט מִיר אוֹיס אַז עֶר גֵייט וַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער רַב... אוּן אִיךְ קֶען בָּרוּךְ ה' גוּט וָואס מֶען לֶערְנְט אִין חֵדֶר, אַז אִיךְ חָזַר אַסַאךְ קֶען אִיךְ אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת אוֹיף אוֹיסְנֶעוֵוינִיג, אָבֶער אַז סְ'גֵייט אַרִיבֶּער צַייט פַארְגֶעס אִיךְ, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין סַאךְ גֶעדוּלְד צוּ חֲזֶר'ן אַזוֹי פִיל.

**זיידע** – זָאג מִיר בֶּערֶעלֶע, אִיךְ הָאבּ צוּ דִיר אַ פְרַאגֶע, אוֹיבּ אֵיינֶער וִויל וַואקְסְן אִין תּוֹרָה, עֶר וִויל זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם וֶועלְכֶע זַאכְן, וֶועלְכֶע מַעֲלוֹת דַארְף עֶר הָאבְּן צוּ וַואקְסְן אַ לֶערְנֶער?

**בֶּערֶעלֶע** – וָואס מֵיינְט? גָאר פָּשׁוּט... עֶר דַארְף זַיין אַ קְלוּגֶער, אַ שַׁארְפֶער, הָאבְּן אַ גוּט קֶעפְּל, אַ גוּטְן זִכָּרוֹן צוּ גֶעדֶענְקֶען וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט!

**זֵיידֶע** – אַזוֹי טְרַאכְט מֶען גֶעווֶענְדְלִיךְ... וֵוייסְטוּ אָבֶער וָואס דוּ תּוֹרָה זָאגְט? אִין אָבוֹת פֶּרֶק ו' וֶוערְט דָארְט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַכְט אִין פֶערְצִיג מַעֲלוֹת ווִי אַזוֹי מֶען קֶען קוֹנֶה זַיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**בֶּערֶעלֶע** – יָא מִיר הָאבְּן דָאס גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר... בְּתַלְמוּד, בִּשְׁמִיעַת הָאֹזֶן, בַּעֲרִיכַת שְׂפָתָיִם, בְּאֵימָה, בְּיִרְאָה, בַּעֲנָוָה, בְּשִׂמְחָה, בְּטָהֳרָה.

**זֵיידֶע** – הָא זֵייעֶר גוּט! דוּ קֶענְסְט גֶעוַואלְדִיג! נוּ לָאמִיר זֶען, זָאג מִיר צוּ וֶוערְט דָארְט דֶערְמַאנְט צְווִישְׁן דִי אַלֶע מַעֲלוֹת אַז מֶען דַארְף זַיין אַן עֶקְסְטֶערֶער חָכָם, אוּן הָאבְּן אַ גוּטֶע זִכָּרוֹן, אָדֶער אַ שַׁארְפֶע קָאפּ?!

**בֶּערֶעלֶע** – עֶם.. נֵיין, אִינְטֶערֶעסַאנְט... וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין?

**זֵיידֶע** – צַדִיקְ'ל דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז תּוֹרַת הַשֵּׁם! סְ'אִיז אַזוֹי ווִי אַ בְּרִיוו פוּן בַּאשֶׁעפֶער! דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר אַלֶע אִידְן! יֶעדֶער אִיד פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין קֶען הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי תּוֹרָה, אִיר לֶערְנֶען אוּן פָאלְגְן, אֲפִילוּ נָאר לִיבּ הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, גֶעבְּן אַ קוּשׁ פַאר אִירֶע הֵיילִיגֶע בְּלֶעטֶער אִיז אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט קַיין פַאך אַזוֹי וִוי אַלֶע גַשְׁמִיוּתְ'דִיגֶע פַאכְן וָואס מֶען לֶערְנְט בִּיז מֶען קֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער. אֵיינֶער הָאט זִיךְ גֶעלֶערְנְט צוּ זַיין אַ סְטָאלֶער אָדֶער אַ שׁוּסְטֶער נוּ, הָאט עֶר שֵׁיין פַּרְנָסָה, אָבֶּער עֶס טוֹישְׁט גָארְנִישְׁט אִין זַיין לֶעבְּן, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז אַ וֶועג פַארְן לֶעבְּן, סְ'קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַ מֶענְטְשׁ, דָאס קוֹיפְּט מֶען נִישְׁט אֵיין מִיט אַ גוּטֶע קָאפּ אוּן גְלַאנְצִיגֶע כִּשְׁרוֹנוֹת, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶוערְט אַיינְגֶעקוֹיפְט אַזוֹי וִוי דִי הָאסְט פְּרִיעֶר אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, מִיטְן וֶועלְן לֶערְנֶען, מִיטְן זִיךְ צוּהֶערְן גוּט בַּיים שִׁיעוּר, מִיט יִרְאֶה פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּן פוּן רֶבִּי'ן אִין חֵדֶר, מִיטְן זִיךְ קְלֵיין הַאלְטְן, מִיט זַיין פְרֵיילֶעךְ וִוי אַזוֹי עֶס גֵייט דִיר, מִיט זַיין רֵיין אוּן אָפְּגֶעהִיטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

וֶוען אֵיינֶער קֶען גוּט לֶערְנֶען נָאר וֶועגְן זַיין חָכְמָה אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אִין זַיינֶע מִדּוֹת אוּן עֶרְלִיכְקֵייט דֶעמָאלְט קֶען עֶר זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם גְרוֹיס-הַאלְטְן מִיט זַיין תּוֹרָה וָואס עֶר קֶען, אוּן פִילְן אַז כֹּחִי-וְעֹצֶם-יָדִי – זַיין אֵייגֶענֶע כֹּחַ הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט דִי הַצְלָחָה. דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט (ליקו"מ תורה י"ב) אַז אַזַא סָארְט תַּלְמִיד חָכָם "שֶׁתּוֹרָתוֹ לְהִתְיַהֵר וּלְקַנְטֵר, וְתַלְמִיד-חָכָם כָּזֶה, נְבֵלָה טוֹבָה הֵימֶנּוּ"...

**בֶּערֶעלֶע** – אוֹי וֵויי, נָאךְ אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער הֵייבּ אִיךְ זִיךְ שׁוֹין אָן אַבִּיסְל צוּ פְרֵייעֶן מִיט מַיין פָּשׁוּטֶ'ע קָאפּ...

**זֵיידֶע** – דֶער עִיקָר אִיז דִי מִי אוּן פְּלָאג, וִויפִיל מֶען הָארֶעוֶועט וָואס דָאס רוּפְט זִיךְ "עָמָל הַתּוֹרָה" זִיךְ פְּלָאגְן אִין דִי תּוֹרָה, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פְּלָאגְט זִיךְ אִין זַיינֶע זַאכְן, אַזוֹי גֵייט דִי וֶועלְט, אָבֶּער "אַשְׁרֵי מִי שֶׁעֲמָלוֹ בַּתּוֹרָה" ווָאוֹיל אִיז דֶער וָואס זַיין פְּלָאג אִיז אִין דֶער הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דוּרְכְאוֹיס אַלֶע דוֹרוֹת הָאט מֶען גֶעזֶען אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אַז נִישְׁט דַוְוקָא דִי שַׁארְפֶע אוּן דִי קְלוּגֶע קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיפְגֶעוַואקְסְן גְרוֹיסֶע גְדוֹלִים, רוֹב מָאל דִי פְּשׁוּטִים וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט תְּמִימוּת אוּן גֶעפָאלְגְט בִּפְשִׁיטוּת דִי תּוֹרָה,

זיך גֶעהִיט פוּן שְׁלֶעכְטְס א.ד.ג. זֵיי זֶענֶען שַׁיין אוֹיסְגֶעוַואקְסְן.

דוּ ווייסְט אַז וֶוען ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער ז"ל אִיז אַלְץ בָּחוּר אַרִיבֶּער דֶעם גְרֶענִיץ אוּן גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן אִיז צוּזַאמֶען מִיט אִים גֶעקוּמֶען פוּן יְשִׁיבַת מַאקֶעוֶוע נָאךְ אַ חָבֵר מִיטְן נָאמֶען יַענְקֶעלֶע, דֶער יַענְקֶעלֶע אִיז אוֹיךְ נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן אִיז אַרִיבֶּער צוּזַאמֶען מִיט ר' לֵוִי יִצְחָק אַלֶע שְׁוֶועריגְקֵייטְן בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן. ר' לֵוִי יִצְחָק הָאט דֶערְצֵיילְט אַז יַענְקֶעלֶע הָאט גֶעהַאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שַׁארְפֶע קָאפּ, אָבֶּער גְרַאדֶע דִי זַאךְ אִיז גֶעוֶוען זַיין דוּרְכְפַאל, אִין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען אַ פַאלְשֶׁער רָב וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט אוֹיף אִים אַז עֶר לֶערְנְט פְרֶעמְדֶע חָכְמוֹת, צוּדֶערְצוּ הָאט מֶען גֶערֶעדְט אוֹיף אִים אַז עֶר טוּט מִיאוּסֶ'ע מַעֲשִׂיּוֹת אַזוֹי אַז דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעהִיטְן פוּן אִים.



אָבֶּער דֶער יֶענְקְל אִיז אַמָאל אַרַיין מִיט יֶענֶעם רָב אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶוען דֶער רָב אִיז מוֹרָא'דִיג אַנְטְצִיקְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין פַארְשְׁטַאנְד אוּן גְרוֹיסֶע יְדִיעוֹת אוּן הָאט אִים גֶעבֶּעטְן וַוייטֶער צוּ קוּמֶען רֶעדְן מִיט אִים אִין לֶערְנֶען, יֶענְקְל אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטַאנֶען אִין דֶעם נִסָּיוֹן אוּן פְלֶעגְט יֶעדְן מָאל ווִידֶער גֵיין רֶעדְן מִיט יֶענֶעם רָב בִּיז דִי גִיפְטִיגֶע נִישְׁט גוּטֶע הַשְׁקָפוֹת הָאבְּן גֶעווִירְקְט אוֹיף יֶענְקְל אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְקְרִיכְן פוּן אִידִישְׁקַייט... ר' לֵוִי יִצְחָק הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי יַענְקֶעלֶע, "גֵיי נִישְׁט דָארְט, סְ'אִיז נִישְׁט גוּט פַאר דִיר! מִיר זֶענֶען דָא אִין אוּמַאן, אַזַא רֶבִּי'ן, אַזֶעלְכֶע עוֹבְדֵי הַשֵּׁם וָואס הָאסְטוּ בַּיי אִים צוּ זוּכְן?" אָבֶּער סְ'הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, יֶענְקְל אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען טִיף צֶעמִישְׁט אוּן פַארְקְרוּמְט מִיט זַיינֶע חָכְמוֹת אוּן בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט הָאט עֶר אַלֶעס אָפְּגֶעלָאזְט, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעטוּן זַיין קַאפְּל אוּן צִיצִית, אָפְּגֶעשׁוֹירְן זַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת אוּן אִיז גֶעפָארְן שְׁטוּדִירְן אִין קִיֶעוו.

זֶעעֶן מִיר פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקָר אִיז צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן תְּפִלָּה בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, "הֶעלְף מִיר לֶערְנֶען, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען, הֶעלְף אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע וָואס זֵיי קֶענֶען אוּן וַוייסְן, נָאר זַיין פְרֵיילֶעךְ מִיט וָואס אִיךְ קֶען," ווייל דֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז חָכְמוֹת דַארְף מֶען בִּכְלַל נִישְׁט הָאבְּן... "כִּי חָכְמוֹת אֵין צְרִיכִין כְּלָל, רַק אֱמוּנָה וּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת בְּלִי שׁוּם חָכְמָה כְּלָל כִּי חָכְמוֹת מַזִּיקִים מְאֹד לְהָאָדָם, וְהַחֲכָמִים נִלְכָּדִים בְּחָכְמָתָן שֶׁל עַצְמָם," נָאר אֱמוּנָה אוּן פַּשְׁטוּת, ווִיל דִי אַלֶע קְלוּגְשַׁאפְטְן שָׁאטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן דִי חֲכָמִים וֶוערְן פַארְכַאפְּט אִין זֵייעֶר אֵייגֶענֶע חָכְמָה...

(ליקו"מ תנינא עח)

**בֶּערֶעלֶע** – יִישַׁר כֹּחַ זֵיידִי, יֶעצְט בִּין אִיךְ שׁוֹין אֱמֶת'דִיג פְרֵיילִיךְ מִיט מַיין לֶערְנֶען, הַלְוַואי זָאל אִיךְ עֶס אֵייבִּיג גֶעדֶענְקֶען וֶועל אִיךְ שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ.

# מַעֲשֶׂה ב' – דֶער מֶלֶךְ אוּן דֶער קֵייזֶער (2)

וַיְהִי הַיּוֹם אוּן עֶס אִיז גִיוֶוען אֵיין גְרוֹיסֶער סוֹחֵר זֵייעֶר אֵיין גְרוֹיסֶער סוֹחֵר עֶר הָאט גִיהַאט מַשָּׂא וּמַתָּן אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט גִיהַאט אֵיין בֵּן יָחִיד. דֶער סוֹחֵר אִיז שׁוֹין גִיוֶוען אַלְט.

אַמָאל הָאט גִיזָאגְט דֶער זוּן צוּם פָּאטֶער בַּאֲשֶׁר דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַלְט. אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ גָאר יוּנְג אוּן דַיינֶע נֶאֱמָנִים גֶעבִּין אוֹיף מִיר גָאר קֵיין הַשְׁגָחָה נִיט. וָואס וֶועט זַיין דוּ וֶועסְט שְׁטַארְבִּין אוּן אִיךְ וֶועל בְּלַייבְּן אַלֵיין וֶועל אִיךְ גָאר נִיט וִויסְן וָואס צוּ טוּן.

בְּכֵן גִיב מִיר אַ שִׁיף מִיט סְחוֹרָה וֶועל אִיךְ גֵיין אוֹיף דֶעם יַם כְּדֵי אִיךְ זָאל גִינִיט וֶוערִין אִין מַשָּׂא וּמַתָּן. הָאט אִים דֶער פָּאטֶער גִיגֶעבִּין אַ שִׁיף מִיט סְחוֹרָה. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אִין מְדִינוֹת אוּן הָאט פַּאר קוֹיפְט דִי סְחוֹרָה אוּן הָאט גִיקוֹיפְט אַנְדֶערֶע סְחוֹרָה אוּן הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גִיוֶוען. דֶער וַוייל וִוי עֶר אִיז גִיוֶוען אוֹיף דֶעם יַם הָאט עֶר דֶער זֶעהן דִי בֵּיימֶער וָואס דִי בַּת קֵיסָר אִיז דָארְט גִיזֶעסְן. הָאבְּן זֵיי גִימֵיינְט דָאס אִיז אֵיין יִשּׁוּב.

הָאבִּין זֵיי גִיוָאלְט אַהִין צוּ גֵיין. וִוי זֵיי זֶענֶען נָאהֶנְט גִיקוּמֶען הָאבֶּען זֵיי דֶער זֶעהְן אַז דָאס אִיז בֵּיימֶער הָאבְּן זֵיי זִיךְ גִיוָואלְט אוּם קֶערִין.

דֶער וַוייל הָאט דֶער בֶּן הַסּוֹחֵר אֵיין קוּק גִיטָאן אִין יַם אַרַיין הָאט עֶר דָארְט גִיזֶעהן אֵין בּוֹים אוּן אוֹיבִין זִיצְט אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ הָאט עֶר זִיךְ גִיטְרַאכְט טָאמֶער אִיז עֶר זִיךְ טוֹעֶה.

הָאט עֶר גִיזָאגְט דִי אִיבְּרִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען דָארְט גִיוֶוען. הָאבְּן זֵיי אַ קוּק גִיטָאן הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיזֶעהְן וִוי אֵיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶעם בּוֹים.

הָאבִּין זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען זֵיי וֶועלְן זִיךְ אַהִין צוּ שְׁפַּיירִין, הָאבִּין זֵיי גִישִׁיקְט אֵיינֶעם מִיט אַ קְלֵיין שִׁיפְל אוּן זֵי הָאבֶּען גִיקוּקְט אִין יַם אַרַיין כְּדֵי מֶען זָאל דֶעם שְׁלִיחַ וַוייזִין עֶר זָאל קֶענֶען טְרֶעפִין צוּם בּוֹים אִיז דֶער שְׁלִיחַ אַהִין גִיגַאנְגֶען הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז דָארְט זִיצְט אֵיין מֶענְטְשׁ הָאט עֶר זֵיי גִיזָאגְט.

אִיז עֶר אַלֵיין אַהִין גִיגַאנְגֶען (דְהַיְינוּ דֶער בֶּן הַסּוֹחֵר) הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז זִי זִיצְט דָארְט (דְהַיְינוּ דִי בַּת קֵיסָר כַּנַ"ל) הָאט עֶר אִיר גִיזָאגְט אַז זִי זָאל אַרָאפּ גֵיין.

הָאט זִיא אִים גִיזָאגְט אַז זִי וִויל נִיט אַרַיין גֵיין אִין דֶער שִׁיף בִּיז עֶר זָאל אִיר צוּ זָאגִין אַז עֶר זָאל זִי נִיט אָן רִירִין בִּיז עֶר וֶועט קוּמֶען אַהֵים אוּן וֶועט מִיט אִיר חֲתוּנָה הָאבִּין כְּדַת הָאט עֶר אִיר צוּ גִיזָאגְט אִיז זִיא צוּ אִים אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶער שִׁיף. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז זִי קֶען שְׁפִּילִין אוֹף כְּלֵי זֶמֶר אוּן קֶען רֶעדִין כַּמָּה לְשׁוֹנוֹת. הָאט עֶר זִיךְ גִיפְרֵייט וָואס זִיא הָאט זִיךְ אִים מְזַדַּמֵן גִיוֶוען.

נָאךְ דֶעם אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אָן גְהוֹיבְּן גָאנְץ צוּ קוּמֶען צוּ זַיין שְׁטוּב הָאט זִי צוּ אִים גִיזָאגְט דֶער יוֹשֶׁר אִיז אַז עֶר זָאל גֵיין אַהֵיים אוּן זָאל מוֹדִיעַ זַיין, זַיין פָּאטֶער אוּן זַיינֶע קְרוֹבִים אוּן גוּטֶע פְרַיינְד בַּאֲשֶׁר עֶר פִירְט אַזוֹ אֵיין אִשָּׁה חֲשׁוּבָה זָאלִין זֵיי אַלֶע אִיר גֵיין

אַקֶעגִין אוּן דֶער נָאךְ וֶועט עֶר וִויסְן וֶוער זִיא אִיז (וָואוּרִין פְּרִיר הָאט זִיא אוֹיךְ מִיט אִים אַ תְּנַאי אוֹיס גִינוּמֶען אַז עֶר זָאל זִיא נִיט פְּרֶעגִין וֶוער זִי אִיז בִּיז נָאךְ דֶער חַתוּנָה דֶעמוּלְט וֶועט עֶר וִויסִין וֶוער זִיא אִיז)

הָאט עֶר דְרוֹף מַסְכִּים גִיוֶועזְן וִוידֶער הָאט זִיא אִים גִיזָאגְט דֶער יוֹשֶׁר אִיז אוֹיךְ אַז דוּ זָאלְסְט אָן שִׁיכְּרִין אַלֶע מַאטְרָאסְן וָואס פִירִין דִי שִׁיף לָאזִין זֵיי וִויסְן אַז זֵייעֶר סוֹחֵר הָאט חַתוּנָה מִיט אַזוֹי אֵיין אִשָּׁה הָאט עֶר זִי גִיפָאלְגְט.

אוּן הָאט גִינוּמֶען זֵייעֶר גוּטְן וַויין. וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אוֹיף דֶער שִׁיף אוּן הָאט זֵיי גִיגֶעבִּין, זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר שִׁיכּוֹר גִיוָוארִין אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אַהֵיים עֶר זָאל מוֹדִיעַ זַיין דֶעם פָאטֶער מִיט דִי פְרַיינְד. אוּן דִי מַאטְרָאסִין הָאבִּין זִיךְ פַאר שִׁיכֶּרְט אוּן זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן דֶער שִׁיף אוּן זֶענֶען אַנִידֶער גִיפַאלִין שִׁיכֶּר.

דֶער וַוייל וִוי זֵיי הָאבִּין זִיךְ אָן גִיגְרֵייט צוּ גֵיין אִיר אַקֶעגִין מִיט דֶער גַאנְצֶער מִשְׁפָּחָה דֶער וַוייל אִיז זִי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט אָפּ גִיבּוּנְדְן דִי שִׁיף פוּן דֶעם בָּארְטִין אוּן הָאט צוּ לָאזְט דִי לַאוִּוינְטְן אוּן אִיז אַוֶועק מִיט דֶער שִׁיף אוּן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ דֶער שִׁיף אוּן הָאבְּן קֵיינֶעם נִיט גִיפוּנֶען.

אִיז דֶער סוֹחֵר זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גֶוועזְן אוֹיף דֶעם זוּן. אוּן דֶער זוּן שְׁרַייט גְלֵייבְּט מִיר אִיךְ הָאבּ גִיבְּרַאכְט אַ שִׁיף מִיט סְחוֹרָה וְכוּ' כַּנַ"ל. אוּן זֵיי זֶעהְן גָאר נִיט. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט פְּרֶעג דִיר דִי מַאטְרָאסִין אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען זֵיי פְּרֶעגִין אוּן זֵיי לִיגִין שִׁיכּוֹר. נָאךְ דֶעם זֶענֶען זֵיי אוֹיף גִישְׁטַאנֶען דִי מַאטְרָאסְן.

הָאט מֶען זֵיי גִיפְּרֶעגְט אוּן זֵיי וֵוייסִין גָאר נִיט וָואס מִיט זֵיי הָאט זִיךְ גִיטָאן נָאר זֵיי וֵוייסְן אַז מֶען הָאט גִיבְּרַאכְט אַ שִׁיף מִיט דֶעם אַלִימֶען אוּן וֵוייסְן נִיט וִוי זִי אִיז. אִיז דֶער סוֹחֵר זֵייעֶר בּרוֹגֶז גִיוָוארְן אוֹיף זַיין זוּן אוּן הָאט אִים פַאר טְרִיבְּן פוּן זַיין שְׁטוּבּ אַז עֶר זָאל אוֹיף זַיינֶע אוֹיגִין נִיט קוּמֶען. אִיז דֶער זוּן אַוֶועק נַע וְנַד. אוּן זִי (דְהַיינוּ דִי בַּת קֵיסֶר) אִיז גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם יַם.



בַּאשְׁעפֶער, הֶעלְף אַז מַיין טַאטֶע אוּן מַיינֶע בְּרוּדֶער אוּן אִיךְ אוּן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס גְלֵייבְּן אִין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן וֶוער עֶס אִיז מְקוּרָב צוּ אִים זָאל זוֹכֶה זַיין דָאס יָאר צוּ פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן קִבּוּץ אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אָן קַיין שׁוּם שְׁטֶער פוּן גֶעלְט אָדֶער מְנִיעוֹת הַמֹּחַ. דִי וֶועגְן אוּן דֶער שְׁטָאט אוּמַאן זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בְּגַשְׁמִיוּת עֶס זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זַיין קַיין סַכָּנָה אד.ג. אַלֶע אִידְן זָאלְן פָּארְן גֶעשְׁמִירְט אוּן גֶעשְׁמַאק גְלַייךְ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיּוּן, אוּן אַלֶע אִידְן זָאל אָנְקוּמֶען אוּן אַהֵיימְגֵיין גֶעזוּנְט אוּן פְרִישׁ מִיט אַלֶע גְלִידֶער. אוּן אַוַודְאַי בְּרוּחָנִיוּת זָאל מֶען קֶענֶען פָּארְן אוּן צוּרִיקְקוּמֶען מִיט אָפְּגֶעהִיטֶענֶע אוֹיגְן אוּן אַן אָפְּגֶעהִיטֶענֶע מוֹיל אוּן אוֹיעֶרן א.א.וו. טַאטֶע אִין הִימְל, אִיךְ בֶּעט דִיר עֶס זָאל הֶערְשְׁן בַּיים הֵיילִיגְן קִבּוּץ נָאר שָׁלוֹם, מְנוּחָה, אַהֲבַת חֲבֵרִים א.א.וו אוּן מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

הגליון נתנדב ע"י הר"ר ישראל מאיר סמיילא הי"ו לרגל נישואי בנו למזל טוב
הגליון נתנדב ע"י הר"ר יוסף אנשין הי"ו לרגל נישואי בנו למזל טוב

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## דֶער מֶלֶךְ אוּן דֶער קֵייזֶער (2)

**א.** וואס האט דער אלטער סוחר געגעבן פאר זיין זון?
- ❑ געלד, גענוג פאר זיין גאנצע לעבן
- ❑ א שיף מיט סחורה
- ❑ אסאך בנינים

**ב.** וואס האט דער סוחר געבעטן פון די בת קיסר וואס איז געווען אויפ'ן בוים?
- ❑ אז זי זאל אראפ גיין
- ❑ אז זי זאל בלייבן אויבן
- ❑ אז זי זאל אים ווייזן די וועג

**ג.** וואס האט די בת קיסר געטון ווען דער סוחר איז געגאנגען צו זיין טאטע?
- ❑ זי האט געגעבן פון די ווין פאר די מאטראסן
- ❑ זי האט אויפגעבינדן די שיף פון דעם בארטן
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד.** וואס האט דער סוחר געטון פאר זיין זון ווען ער האט געזען אז די שיף איז נישט דא?
- ❑ ער האט אים געגעבן א אנדערע שיף
- ❑ ער האט געשריגן אויף אים
- ❑ ער האט אים פארטריבן פון זיין שטוב

### טיפער געטראכט



ה. מיט וועלכע סחורה איז די בת קיסר אוועק געפארן מיטן שיף, מיט די סחורה וואס דער פאטער האט געגעבן פארן זון אדער מיט אנדערע סחורה?

ו. האט די בת קיסר דערציילט פארן בן הסוחר ווער זי איז?

ז. וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין די מעשה דאס ווארט שיכור? וואס לערנט אונז דער רבי וועגן דעם ענין? (קוק אין ליקו"מ תנינא כ"ו)

**דער געווינער אויף סיפורי מעשיות מלך וקיסר 1**
**איז הילד החשוב יצחק יעקב דאווידאוויטש, בית שמש**

די מתנה ליגט ביים משגיח אין ת"ת ברסלב בית שמש / ירושלים

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72    646-585-3040



# דעם רבינ'ס משלים

טײַערע קינדער מיר וועלן אײַך נאָכאַמאָל פֿאַרצײלן אַ משל וואָס דער הייליגער רבי דערציילט. (מיר האבן צוגעלייגט צום ארגינאלעם לשון)

עס איז אַמאָל געווען אַ גרויסער סוחר, מיר וועלן אים רופן ר' אָשר. ער פֿאָרט צו זײַן באַקאַנטן שטעטל וואו ער פלעגט שטענדיג אײַנקויפן סחורה. ער האָט דאָרט זײַן באַקאַנטן פֿאַבריקאַנט וואו ער קויפט געוועגליך אײַן זײַנע סחורות. ער קומט אַרײַן צום פֿאַבריקאַנט ר' נפתלי און נפתלי באַגריסט אים גלײַך: "אַ גוט מאָרגן, אַ גוט מאָרגן וואָס האָסטו הײַנט צו באַשטעלן?

ר' אָשר ווי געוויינליך באַשטעלט אַ גרויסע מאָס סחורה פון לעדער - בד און נאָך סחורות. ער שלעפט אַרויס די סחורה צום וואָגן און לאָדנט אָן די סחורה אויפן וואָגן. די וואָגן ווערט אָנגעפילט מער און מער, ער בינדט אַלעס צו צום וואָגן און ער זעצט זיך אַרויף אויפן פערדל און מאַכט זיך גרייט צו פאָרן אויפן וועג, ער געבט אַ שמייס דעם פערדל וויסעו.. ער הייבט אָן פאָרן..

וואָס גייט פאָר הײַנט? "פערדל, וואָס שלעפסטו זיך אַזוי שווער, נאָ וואָס קראַצטו זיך אַזוי?"

איך מיין אַז דער פערדל איז גאָרנישט שולדיג, איך האָב הײַנט אָנגעפּאַקט דעם וואָגן, נישט סתם אָנגעפילט נאָר אָנגעשטאָפּט. לאָמיר אַראָפּטאַנצן פונעם וואָגן זען וואָס איך קען דאָ טון? "הייליגער באַשעפער געב מיר אַן עצה וואָס קען איך טון אַז דער וואָגן זאָל זיך אָנהייבן רירן, די רעדער זיך דרייען, פון מײַנע צרות באַפרייען, אינגאַנצן זאָלן זיי זיך באַנייען."

'אָה דער אויבערשטער האָט מיר געגעבן אַ גוטער געדאַנק!' טראַכט ר' אָשר צו זיך אַליין! איך גיי יעצט אַרײַן צו מײַן פֿאַבריקאַנט ער האָט דאָך אַ גרויסן פֿאַבריק ער וועט מיר זיכער העלפן. ער שפּאַצירט אַרײַן...

"זאָג נאָר וואָס קענסטו מיר העלפן אין מײַן פּראָבלעם?" זאָגט ר' אָשר.

"יאָ, איך וועל דיר מיט'ן אויבערשטנס הילף העלפן, לאָמיך הערן וואָס גייט פאָר?" פרעגט אים דער פֿאַבריקאַנט ר' נפתלי.

"איך דאַרף האָבן 'סמאָלע', די ווייסט וואָס דאָס איז? 'אויל', נעמט צו שמירן אויף די רעדער פון מײַן וואָגן.." בעט זיך ר' אָשר.

"נישט קיין פּראָבלעם, דאָ האָסטו וויפיל דו ווילסט! בשפע גדול!" זאָגט ר' נפתלי מיט אַ ברייטע שמייכל. ר' אָשר האָט טאַקע אָנגעשמירט די רעדער און די וואָגן האָט אָנגעהויבן פאָרן געשמירט "אַהאַ, עס פאָרט אַ מחיה!".

פאָרנדיג אויפן וועג אַזוי באַקוועם, די רעדער מאַכן נישט קיין גערודער, באַגעגנט ר' אָשר זײַן חבר פאָרנדיג אין אַ וואָגן אַנטקעגן אים, דער חבר זײַנער זעט ווי זײַן וואָגן פאָרט אַזוי געשמירט ממש עס פליט.. גיט ער אים אַ פרעג פון ר' אָשר: "זאָג וויאַזוי מאַכסטו דאָס? אַ געשמאַק צו זען ווי דײַן וואָגן גליטשט זיך אַזוי שיין

המשך אויף זייט 2